וויבאלד היינטיגע צייטן זענען ליידער די נסיונות זייער גרויס, מוז מען רעדן וואס קדושה און שמירת הברית מיינט, פון וואס דארף זיך א בחור היטן און מיט וואספארא גדר דארף זיך א בחור ארומנעמען.

**די צומישעניש צווישן 'קדושה' און 'נערוועז'**

איידער מען גייט אריין אין פרטים, מוז מען מקדים זיין א קורצע הקדמה. מיר לעבן היינט אין א קראנקע וועלט וואו זייער אסאך מענטשן האבן אנגעצויגענע נערוועז און זענען זייער נערוועז אויף זאכן וואס מען דארף נישט זיין אזוי נערוועז. ביי יעדן קלאפט אויס די נערוועזקייט אין זיינע זאכן, דער וואס ליגט אין גשמיות - איז נערוועז אויף גשמיות'דיגע ענינים, און דער וואס ליגט אין רוחניות - איז נערוועז איבער רוחניות'דיגע ענינים. איינע פון די פלעצער וואו די נערוועזקייט קלאפט אויס אויף א שטארקן פארנעם, איז דער ענין פון קדושה. מען קען זאגן: **א גרויסע פראצענט פון די בחורים און אינגעלייט וועלכע באקלאגן זיך אויף שוועריקייטן אין עניני קדושה, איז עס בכלל נישט קיין פראבלעם מיט 'קדושה', עס איז א פראבלעם פון נערוועזן...** זיי זענען פשוט איבערגעטריבן און נערוועז. אויב עס דוכט זיך זיי אז עס איז אריינגעקומען אין זיי עפעס א הרהור אדער עפעס א ראיה פון דער זייט - ווערן זיי שוין באלד משוגע און צודרייט ביזן אנדערן עקסטרעם! אויב ער גייט אויף דער גאס און זעט פונדערווייטנס א בוים, מיינט ער שוין אויף זיכער אז דאס איז א ראיה אסורה און ער איז שוין נערוועז ביזן הימל, ער וועט אראפלויפן פונעם סייד-וואלק (מדרכה) אדער אריבערגיין צום אנדערן זייט גאס... און טאמער דארט וועט ער אויך זען א בוים - וועט ער צוריק לויפן, און אזוי לויפט ער אהין און אהער ווי א משוגע'נער... זיין גאנצע 'גיין אין גאס' איז איין גרויסע נערוועזן שפיל און ער קומט אהיים אינגאנצן אויסגעשעפט נאך אזא שווערע עבודה פון שמירת עינים...

**א שומר הברית איז נישט קיין אנגעצויגענער**

מען דארף וויסן: א שומר הברית מיינט נישט א משוגע'נער! **מען קען זיין א שומר הברית בתכלית, און נאכאלץ זיין העכסט נארמאל! שמירת הברית איז טאקע מורא'דיגע הארב און עס איז טאקע ממש די וויכטיגסטע זאך, אבער אלעס... ביז נערוועזן!** קדושה מיינט נישט זיין א נערוועזער אדער זיך אויפפירן ווי א משוגע'נער. פארקערט, טאמער מען ווערט צופיל נערוועז דערפון, קען דאס שאדטן פאר שמירת הברית; ווי מען האט גערעדט (אין פריערדיגן גליון) אז לכתחלה דארף מען מאכן אזא סארט מצב אז מען זאל בכלל נישט האבן צוטון דערמיט.

**לא תוסיפו ולא תגרעו**

מען וועט פרובירן רעדן א קלארע הדרכה וויאזוי א חסיד'ישער בחור פירט זיך אויף - אויף וויפיל עס איז שייך צו רעדן ברבים - און טאמער איינער האט נאך ספיקות איבער געוויסע פרטים, זאל ער פרעגן פון א חסיד'ישן און ערליכן משגיח מער פונקטליך וויאזוי מען פירט זיך אויף. און אויף דעם איז געזאגט געווארן: **"לא פחות ולא יותר" - נישט מקיל זיין פון דאס וואס מען רעדט, און אויך נישט מחמיר זיין מער.** ווייל אז א בחור הייבט אָן מחמיר צו זיין מער ווי די הדרכה וואס מען גיבט אים - טויג עס נישט! ווייל דעמאלט הייבט זיך אים אָן צו דוכטן ווי כאילו עס לויפט אים נאך איבעראל וואו ער גייט, און נאר דאס האט ער אינזין א גאנצן טאג ביז עס ווערט דערפון א נערוועזן שפיל.

**העבר עיני מראות שוא**

די ערשטע זאך וואס א בחור דארף זיך היטן, איז די 'אויגן'. אין דעם איז אויך פארהאן מדרגות, אבער די ערשטע זאך דארף מען וויסן מיטן גאנצן שטרענגקייט און הארבקייט: מען טאר נישט קוקן במזיד אויף אן אשה און אויף יעדע זאך וואס קען ברענגען הרהורים! דאס דארף צו זיין אזוי אפגעפרעגט און מופרך אז מען זאל ממש נישט דארפן רעדן דערפון! אמאל איז ניטאמאל געווען אזא מדובר ביי א חסיד'ישער איד אז מען זאל אפילו קענען קוקן במזיד וואו מען טאר נישט קוקן - דער אויבערשטער זאל אפהיטן, מען האט נאר גערעדט פון גדרים ארום און ארום אז מען זאל נישט צוקומען זיך צו באגעגענען פלוצלינג מיט א ראיה בשוגג און באונס, אבער במזיד איז נישט געווען קיין הוה אמינא בכלל. ווייל **א חסיד'ישער בחור דארף זיין אינגאנצן מופרש און מוגדר פון דעם ענין, אז אויף צו קוקן במזיד זאל ער נישט האבן קיין בחירה בכלל, עס זאל זיין אינגאנצן אויסגעשלאסן און דערווייטערט בתכלית.**

**שגיאות מי יבין - אויסרעכענען נישט צו נכשל ווערן בשוגג**

דערנאך דארף מען האבן שמירת

פרק י"א

בְּעִנְיַן הַמַּחֲשָׁבָה, כְּבָר אָמְרוּ בִּתְחִלַּת הַבָּרַיְתָא שֶׁלָּנוּ, "וְנִשְׁמַרְתָּ מִכֹּל דָּבָר רַע" - "שֶׁלֹּא יְהַרְהֵר אָדָם בַּיּוֹם וְיָבוֹא לִידֵי טֻמְאָה בַּלַּיְלָה", וְאָמְרוּ עוֹד (יומא כט), "הִרְהוּרֵי עֲבֵרָה קָשִׁים מֵעֲבֵרָה", וּמִקְרָא מָלֵא הוּא (משלי טו), "תּוֹעֲבַת ה' כָּל מַחְשְׁבוֹת רָע"

**נקודות:**

אויב א בחור הייבט אָן מחמיר צו זיין מער ווי די הדרכה וואס מען גיבט אים– טויג עס נישט! ווייל דעמאלט הייבט זיך אים אָן צו דוכטן ווי כאילו עס לויפט אים נאך איבעראל און עס ווערט דערפון א נערוועזן שפיל

**נקודות:**

נסיונות ווייזט נישט אויף א פראבלעם! מען מעג האבן נסיונות! עס מיינט נישט אז ער איז נישט קיין שומר הברית! פונקט פארקערט, אט דאס וואס דער יצר הרע פארלייגט זיך, און ער לאזט זיך נישט פון אים און פאלגט אים נישט – אט דאס מאכט אים פאר א גרעסערן שומר הברית

~

ווי נאר די מחשבה קומט אים אריין זאל ער באלד מסיח דעת זיין! און אפילו אויב עס קומט אים אָן זייער שווער צו מסיח דעת זיין, זאל ער זיך מחזק זיין און לוחם זיין מלחמת ה׳. ווייל פון אלע ענינים אין עבודת ה׳ איז דאס ממש דער עיקר! עס לוינט זיך צו ארבעטן זייער שווער צו מסיח דעת זיין!

עינים אויך פון שוגגים, מען דארף פרובירן צו אויסרעכענען פון פריער אז מען זאל נישט קומען צו קיין מצב וואו מען וועט זיך אנטרעפן מיט נסיונות פון שמירת עינים. לדוגמא: טאמער מען דארף ערגעץ אנקומען, זאל מען ענדערש גיין מיט א גאס וועלכע איז ווייניגער פריצות׳דיג און אנגעלייגט - ווי מיט דעם אנדערן גאס וועלכע איז יא מער אנגעלייגט. און בכלל - וואו מען גייט נאר - דארף מען גיין ווי א חסיד׳ישער בחור מיט די אויגן אויף אראפ, אבער מען דארף דאס נישט מאכן אויף אן אויפפאלנדן אופן אז עס זאל אויסזען משונה׳דיג, נאר **מען קען גיין אויפן גאס זייער נארמאל, אז קיינער זאל אפילו נישט באמערקן אז דער בחור היט זיך זיינע אויגן**. אודאי דארף מען זען אויסצומיידן פון גיין אין אזעלכע פריצות׳דיגע פלעצער וואו מען מוז נישט גיין און מען קען זיך באגיין אָן דעם, אבער גיין אין גאס איז א זאך וואס מען קען זיך נישט אפהאלטן. אלס חלק פונעם ׳ישוב העולם׳ מוז א מענטש גיין און קומען, ערלעדיגן און מסדר זיין, נאר מען דארף גיין ווי א חסיד׳ישער איד מיט שמירת עינים און מיט אן איידלקייט.

**עס איז נישט קיין עבירה צו האבן א יצר הרע**

אזוי אויך דארף מען זיך היטן די ׳מחשבה׳. עס זענען פארהאן בחורים וועלכע מוטשען זיך שטארק אין דעם ענין און האבן כסדר שווערע נסיונות פון הרהורים וועלכע האלטן אין איין אריינקומען אין קאפ. דארף מען וויסן צוויי זאכן: ערשטנס, **א בחור טאר נישט צובראכן ווערן פון דעם אז ער האט נסיונות!** נסיונות ווייזט נישט אויף א פראבלעם! מען מעג האבן נסיונות! עס מיינט נישט אז ער איז נישט קיין שומר הברית! פונקט פארקערט, אט דאס וואס דער יצר הרע פארלייגט זיך, און ער לאזט זיך נישט פון אים און פאלגט אים נישט - אט דאס מאכט אים פאר א גרעסערן שומר הברית!

**עס פאלט אריין אין קאפ - זיי אבער נישט ממשיך...**

צווייטנס, א בחור דארף וויסן אז **אויף דער ערשטער מחשבה וואס קומט אריין פון זיך אליינס - איז ער גארנישט שולדיג! אויף דעם איז ער בכלל נישט קיין בעל בחירה! די עבודה פון שמירת המחשבה הייבט זיך אָן פון דארט און ווייטער**, אז נאכדעם וואס די מחשבה קומט אריין זאל ער נישט טראכטן ווייטער און ווייטער, נאר ער זאל באלד מסיח דעת זיין! און אפילו אויב עס קומט אים אָן זייער שווער צו מסיח דעת זיין, דארף ער זיך מחזק זיין און לוחם זיין מלחמת ה׳. ווייל א בחור דארף וויסן אז פון אלע ענינים אין עבודת ה׳ איז דאס ממש דער עיקר, ממילא לוינט זיך צו ארבעטן זייער שווער צו מסיח דעת זיין! און אויב דער יצר הרע פארלייגט זיך אויף אים מיט אלע כוחות, זאל ער זיך נאכמער אריינווארפן דעם קאפ אין תורה און עבודה, אז ער זאל ממש נישט האבן קיין צייט און פלאץ ווען צו טראכטן עפעס אנדערש. און אז דער רבונו של עולם זעט אז דער בחור טוט נישט בידים קיין שום זאך חס ושלום נאכצוגעבן דעם יצר הרע, פארקערט, ער טוט אלעס אין דער וועלט צו מסיח דעת זיין דערפון, בפרט אז ער איז ממש אינגאנצן אריינגעטון אין תורה - וועט אים דער רבונו של עולם העלפן און אוועקנעמען דעם יצר הרע פון אים; ווי חז״ל זאגן (יומא לט.): ״הבא לטהר מסייעין אותו״.

**בני אל תלך בדרך אתם**

אן ענף פון שמירת הברית איז דער ענין פון זיך היטן פון שלעכטע חברים. ווייל דער טבע איז, אז א פארדארבענער בחור זוכט צו פארדארבן אנדערע בחורים. דאס קומט פון א גאוה וואס ער שפירט ביי זיך: ״וואס? איך וועל זיין דער איינציגסטער אויסוואורף? זאל יענער אויך זיין אן אויסוואורף! זאל עס כאטש זיין א בחינה פון ׳צרת רבים חצי נחמה׳!״. דעריבער זוכט ער אריינצושלעפן אנדערע בחורים און זיי אויך מכשיל זיין רחמנא ליצלן. און אמאל קען א בחור זיין ווייך און אים שוינען, און דורכדעם ווערט ער אריינגעכאפט אין זיין נעץ.

**רחמי רשעים אכזרי**

א בחור וועלכער וויל זיך פירן בקדושה, טאר נישט רחמנות האבן אויף אזא איינעם! דאס איז נישט רחמנות - דאס איז אכזריות! טאמער מען זעט אז עס דרייט זיך ארום אין ישיבה אזא סארט בחור - **אפילו אויב מען איז גאר נאנט באפריינדעט מיט אים - מוז מען אפהאקן מיט אים תכף ומיד! נישט האבן מער קיין שום מגע ומשא מיט אים!** און דערנאך דארף מען באלד גיין צום ראש ישיבה אדער משגיח און זיי דערציילן דערוועגן און זיי בעטן עס צו באהאנדלען. אזוי אויך, און אפילו אויב ער איז נישט נאנט צו אים און ער פרובירט אים נישט ארייננצושלעפן, אבער אויב ער זעט אז ער מאכט פראבלעמען פאר אנדערע בחורים, איז א מצוה צו גיין דערציילן פארן משגיח. און **מיט דעם וואס א בחור זאגט פארן משגיח - טוט ער די גרעסטע טובה פאר יענעם בחור, ווען יענער וועט עלטער ווערן וועט ער אים נישט קענען גענוג באדאנקען פאר דער טובה וואס ער האט אים געטון** אז ער האט אים ארויסגענומען פון טיפן גרוב און אים צוריקגעברענגט צו די רעלסן, צו די ׳אורחות חיים׳. אבער טאמער א בחור שוינט אים און לאזט זיך איבעררעדן פון אים - טוט ער פאר קיינעם נישט קיין טובה - אויסער פארן יצר הרע! ער טוט זיך אפ און טוט אפ זיין חבר! און ווען יענער וועט עלטער ווערן וועט ער אים נאר געדענקען צום שלעכטן און וועט זיין פארווייטאגט אויף אים.

**ער איז טאקע געווען דיין נאנטער חבר - אבער דער רבוש״ע איז נאך נענטער**

אין פרשת ראה שטייט א גאנצע פרשה (דברים יג, ז): ״כִּי יְסִיתְךָ אָחִיךָ בֶן אִמֶּךָ אוֹ בִנְךָ אוֹ בִתְּךָ אוֹ אֵשֶׁת חֵיקֶךָ אוֹ רֵעֲךָ אֲשֶׁר כְּנַפְשְׁךָ בַּסֵּתֶר״ - טאמער דיין בעסטער חבר, דיין נאנטסטער מענטש וועט דיר צורעדן צו דינען עבודה זרה. און דו תורה זאגט דארט ווייטער מיט מורא׳דיגע לשונות: ״לֹא תֹאבֶה לוֹ וְלֹא תִשְׁמַע אֵלָיו וְלֹא תָחוֹס עֵינְךָ עָלָיו וְלֹא תַחְמֹל וְלֹא תְכַסֶּה עָלָיו כִּי הָרֹג תַּהַרְגֶנּוּ״ - דו זאלסט זיך נישט לאזן איינבעטן ביי אים און זיך נישט צוהערן צו אים, דו זאלסט אים נישט שוינען, נישט רחמנות האבן אויף אים און נישט באהאלטן זיינע מעשים רעים, נאר דו זאלסט אים הרג׳ענען. דארט רעדט די תורה פון א מסית ומדיח אויף עבודה זרה, אבער די זעלבע געדאנק - אויף א קלענערן פארנעם - איז שייך ביי יעדע עבירה, אז אויב א נאנטער חבר איז מסית עובר צו זיין אן עבירה, זאגט די תורה: **״לא תאבה לו ולא תחמול עליו״ - דו האסט נישט קיין שום שעבוד צו אים! דו האסט נישט קיין שום התקשרות צו אים! און כאטש ער ביז יעצט געווען דיין בעסטער חבר - איז אבער פארהאן נאך א נענטערער חבר! דאס איז דער רבונו של עולם!** ווי דער פסוק רופט אים אָן (משלי כז, י): ״רֵעֲךָ וְרֵעַ אָבִיךָ אַל תַּעֲזֹב״ - פארוואס פארלאזטו דיין בעסטער פריינד וועלכער האט צו דיר אזא אהבה - צוליב דעם נארישן חבר?! דו ביזט מער משועבד צו דעם עכטן אמת׳ן פריינד, דער הייליגער רבונו של עולם, און צוליב אים לוינט זיך אפצוהאקן מיט אלע חברים און מיט דער גאנצער סביבה - אבי נישט אפצולאזן די פריינדשאפט און ליבשאפט מיט אים.

**וואס גיבט ער דיר אז דו פארקויפסט אים דיין גאנצע נצחיות?!**

טאמער עס איז שווער פאר א בחור אפצוהאקן מיט א פארדארבענער חבר, דארף מען אים פרעגן אזא שאלה: ״שטעל זיך פאר, **אז דיין חבר זאגט דיר: ״גיי שאף מיר צען טויזנט דאלער, און אויב נישט וועל איך מער נישט זיין דיין חבר!״. וועסטו אים דען געבן?! זיכער אז נישט!** נו, און אויב זאגט ער דיר: ״קום לאמיר גיין קוקן דארט אויף א כלי, און אויב נישט וועל איך נישט זיין דיין חבר - באפאלט דיר פלוצלינג א שוואכקייט?! **צען טויזנט דאלער ווילסטו אים נישט געבן פאר זיין חבר׳שאפט, אבער דיין נשמה, דיין נצחיות ביסטו יא גרייט אים אוועק צו געבן?!**״. אזא התבוננות דארף זיין גענוג צו געבן א שטארקייט פאר א בחור זיך צו אפשאקלען פון אזא מין חבר.

ב.

# דל גאה: דער קרענק פון זיך גרויסהאלטן מיט די פראבלעמען

**ותשועה ברוב יועץ - בעטן אן עצה פון א רבי׳ן**

חז״ל זאגן (אבות א, טז): ״עשה לך רב״, א מענטש דארף האבן א רבי׳ן פאר וועמען ער שמועסט זיך אויס און פרעגט אן עצה. דאס איז געזאגט געווארן כלפי אלע ענינים, און בפרט כלפי קדושה ענינים, ווייל ווען א בחור ליידט פון שלעכטע הרהורים און מחשבות וכדומה, און ער קומט צו זיין רבי׳ן, ראש ישיבה אדער משגיח און רעדט זיך אויס זיין פראבלעם, קען אים דער רבי העלפן, ער קען אים מחזק זיין און געבן עצות און מהלכים וויאזוי צו ווערן געהאלפן דערפון. דער פראבלעם איז נאר, אז זייער אסאך מאל וויל נישט דער בחור גיין בעטן הילף, ווייל ער האלט אז דער רבי וועט אים נישט פארשטיין. און דאס איז א ווייטאג וואס **מען זעט ביי פילע בחורים און אינגעלייט וועלכע ליידן זיך אָן יארן לאנג פון פארשידענע פראבלעמען - יעדער איינער אין זיין נושא - און ווען זיי וואלטן געקומען צו א רבי׳ן עס דורכשמועסן וואלטן זיי געקענט אינגאנצן פטור ווערן פונעם פראבלעם** - נאר זיי קענען נישט פועל׳ן ביי זיך צו עפענען דעם נושא פאר א רבי׳ן.

**א חידוש פון א קרענק - ער האלט זיך גרויס מיט זיינע חסרונות**

מען קען באצייכענען דעם דאזיגן קרענק מיטן נאמען ׳דל גאה׳. געווענליך איז מען צוגעוואוינט אז גאוה מיינט, אז איינער האלט זיך גרויס מיט א ספעציעלע מעלה וואס ער האט מער ווי יעדן איינעם און ער האלט אז עס איז נישטא אויף דער וועלט קיינער וואס קען זיך פארגלייכן מיט אים אין דער זאך! דעריבער, האלט ער זיך חשוב׳ער און גרעסער ווי אנדערע מענטשן. אבער עס איז פארהאן א חידוש פון א ׳גאוה׳ - וועלכע איז שוין

ממש א קרענק - וועלכע מאכט זיך אסאך ביי בחורים וועלכע ליידן אויף א געוויסע חולשה, אז זיי האלטן זיך גרויס מיט זייער פראבלעם... ער האלט אז עס איז נישטא אויף דער וועלט קיינער וועלכער קען זיך פארמעסטן צו אים מיט דעם פראבלעם! **ער האלט זיך גרויס מיט זיינע יצר הרע'ס און ער כאפט עס אָן גאר שטארק, שפירנדיג אז דאס גיבט אים עפעס א חשיבות! דאס גיבט אים א פלאץ וואו ער צייכנט זיך אויס אלס א יחיד במינו...** קיינער אויף דער וועלט האט דאס נאכנישט געהאט... און ער שעפט גאר חיות פון זיין פראבלעם און ווייטאג, ווייל ער שפירט ממש ביי זיך: "בשבילי נברא העולם'! איך בין אליינס אויף דער וועלט! איך לעב נישט אין א מצב צוזאמען מיט נאך מענטשן, נאר איך בין א מענטש פאר מיר! קיינער פארשטייט נישט מיינע נסיונות און ווייטאגן! קיינער האט דאס נאכנישט געהאט בעפאר מיר און קיינער וועט עס נישט האבן נאך מיר, 'מלפניו לא קם כמוהו ואחריו לא יקום', און אפילו אויב איך וועל רעדן צו איינעם, וועט ער מיר אויך נישט פארשטיין!". און דעריבער רעדט ער זיך נישט אויס פאר זיין משגיח אדער ראש ישיבה, און ווערט נישט געהאלפן.

**אונזער משפחה איז 'אזא סארט'...**

מען וועט עס אויסשמועסן מיט א משל: עס איז פארהאן א גרויסע משפחה, שוין פון עטליכע דורות, לאמיר זיי אנרופן 'משפחת זילבערשטיין'. די משפחה האט א טבע פון סענסעטיוויקייט (רגישות), די אלע מיטגלידער פון דער משפחה זענען זייער סענסעטיוו, טאמער איינער זאגט זיי נאר עפעס א האלבע ווארט, ווערן זיי באלד באליידיגט און געטשעפעט. דאס איז א מדה וואס זיי האבן אין די בלוט נאך פונעם זיידן און עלטער זיידן. טאמער וועט איינער צוגיין צו איינעם פון דער משפחה און אים זאגן: "דו ליידסט דאך אויף א שלעכטע מדה פון סענסעטיוויקייט - וועלכע מען קען אנרופן 'נוח להקפיד', דארטן און דארטן איז פארהאן א מומחה וועלכער קען דיר העלפן אויף דעם און דיר ארויסנעמען פון דעם פראבלעם!". אבער אנשטאט ער זאל זיך צוכאפן דערצו מיט א שמחה און זיך שיין באדאנקען פאר יענעם, וועט ער גאר ווערן נאכמער געטשעפעט פון דעם... ער וועט האבן טענות צו יענעם: "פארוואס דארף איך זוכן הילף?! איך בין דאך א זילבערשטיין! עס באלאנגט אזוי, אז א זילבערשטיין זאל זיין זייער סענסעטיוו! דאס איז אונזער מדה! פארקערט, טאמער וועט מיר א מומחה באהאנדלן און אויסרייסן די מדה פון מיר, וועל איך ווערן אויס זילבערשטיין... איך בין שטאלץ צו זיין א זילבערשטיין און איך אידענטיפיציר זיך (מזדהה) מיט מיין סענסעטיוויקייט אלס א כשר'ער זילבערשטיין... יא! מען טאר אונז נישט טשעפן, ווייל מיר ווערן זייער שנעל באליידיגט! דאס איז אונזער זאך!". עס איז איבריג מסביר צו זיין ווי פארדרייט און פארקרומט אזא מענטש איז, אנשטאט זיך צו שעמען מיט זיינע שלעכטע מדות און פרובירן זיך צו העלפן, מאכט ער גאר א שיטה און א גאוה פון דער מדה, און ער וויל בשום אופן זיך נישט טוישן צום גוטן.

**פארוואס מוטשעסטו זיך?! עס איז דא הילף!**

אט אזוי זעט אויס א בחור וועלכער מוטשעט זיך מיט פראבלעמען אין עניני קדושה, און אנשטאט צו קומען צו א משגיח און זיך אויסרעדן און בעטן אן עצה - האלט ער זיך שטארק אין זיין פראבלעם, מיט א סברא אז קיינער פארשטייט אים נישט. פאר אזא בחור דארף געזאגט ווערן: "דו ביסט נישט דער איינציגסטער! דאס וואס דו ליידסט - ליידן נאך צענדליגע בחורים! דאס איז שוין אן אדורכגעדראשענע נושא! עס איז א שאד דאס צו האלטן ביי דיר אין בויך און אומזיסט ליידן דערפון, אינדערצייט וואס עס איז שוין פארהאן אן אויסגעטראטענעם מהלך וויאזוי מען באהאנדלט דאס! מען ווייסט שוין קלאר וועלכע עצות און חיזוק צו געבן דערפאר! און גאר אסאך ווערן געהאלפן דערויף טאג טעגליך! רוב ישיבות האבן א משגיח וועלכער איז א מומחה אויף דעם, און טאמער ער איז נישט קיין מומחה - וועט ער דיר שיקן צו א מומחה וועלכער האט שוין אסאך ערפארונג דערין. **שעם זיך נישט! גיי צום משגיח און רעד זיך אויס, און ער וועט דיר זאגן עצות וויאזוי זיך צו פארמעסטן דערמיט!**".

ג.

# ה' אוהב צדיקים: די אומפארשטענדליכע אהבה צו איינער וואס איז אפגעהיטן

**ארויסהאבן די גרויסקייט פון דער זאך**

כדי צו קענען עומד זיין אין שווערע נסיונות אין קדושה דארף מען וויסן צוויי זאכן, סיי דעם גרויסן חומר פון 'פגם הברית' און סיי די גרויסע מעלה פון 'שמירת הברית'.

**קדושה איז דעם אויבערשטנ'ס מדה**

ווען בלעם האט געגעבן אן עצה פאר בלק צו מחטיא זיין אידן, האט ער געזאגט (ספרי מטות פ"ה): "אלקיהם של אלו שונא זמה הוא" - זייער גאט האט פיינט זנות. אין די ווערטער ליגט א גרויסן שליסל צו פארשטיין ווי ווייט עס גייט די הארבקייט פון פגם הברית. די אלע עבודה זרה'ס פון כוכבים און מזלות - וואס די פארצייטישע גוים פלעגן דינען - זענען געווען געבויעט אויף געוויסע מדות וואס זיי האבן פרובירט ממשיך צו זיין פונעם שר אין הימל וועלכער איז ממונה אויף דער שטערן אדער דער מזל. ווען זיי האבן געדינט דעם געוויסן שר, האבן זיי אינזין געהאט צו דינען און זיך מדבק זיין אין דער געוויסער מדה. האט בלעם געזאגט: "דו ווייסט וואס איז די מדה פון דעם גאט - וועלכער רופט זיך 'אלקי ישראל'?! זיין מדה איז קדושה! איך ווייס נישט פארוואס, אבער דאס איז דאס! ער האט פיינט זנות! די מדה פון קדושה האט א באזונדערע חשיבות ביי אים!". דאס הייסט, אז אויב מען וויל האבן שייכות מיט דעם גאט, מוז מען זיין הייליג, אנדערש קען מען זיך נישט מדבק זיין אין אים! מען קען נישט זיין א איד - אָן קדושה!

**קדושה איז אידישקייט און אידישקייט איז קדושה**

עס שטייט אין פסוק (ויקרא יא, מד): "וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ אָנִי", און חז"ל זאגן אויף דעם (הובא ברש"י שם): "אם אתם קדושים הרי אתם שלי" - טאמער זענט עטץ 'קדושים' - דעמאלט זענט איר מיינס. דאס הייסט, אז מיט דעם ענין האט דער אויבערשטער בוחר געווען אין כלל ישראל! אזוי אויך זעט מען, אז די ערשטע מצוה וואס דער אויבערשטער האט געגעבן פאר אידן אין מצרים צו טון - נאך איידער מען שעכט דעם קרבן פסח - איז געווען 'מילה', וואס דאס איז קדושת הברית, ווייל דורכן אראפנעמען די ערלה ווערט מען א קדוש! דורכן ברית מילה ווערט מען גע'אידיש'ט! און אלע אידן בכלליות ווערן אנגערופן 'קדושים', וויבאלד זיי זענען גע'מל'ט. און א גאנץ לעבן דארף מען ארבעטן זיך צו היטן בקדושה כדי צו אנהאלטן די אידישקייט! און צוליב דעם **האט מען אין געוויסע פלעצער אנגערופן די מדה פון קדושה מיטן נאמען 'אידישקייט', ווייל דאס איז ממש די זאך וואס מאכט דעם איד פאר א 'איד'! טאמער מען היט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין - פעלט אינעם יסוד פון אידישקייט.**

**מען קען זיך נישט משער זיין די אהבה וואס דער רבוש"ע האט צו א שומר הברית**

פונקט ווי דער רבונו של עולם האט פיינט זנות בתכלית - אזוי האט ער ליב קדושה בתכלית. דער רבונו של עולם האט זייער ליב א מענטש וועלכער איז אפגעהיטן אין קדושת הברית. מען קען נישט פארשטיין פארוואס איז דאס אזוי חביב ביים אויבערשטן, ווייל דאס איז העכער פון הסבר און הבנה. מען קען צושטעלן דערצו דעם 'מבשרי אחזה אלוק', אז פונקט ווי דא למטה קען מען נישט פארשטיין און מסביר זיין דעם גאנצן יצר הרע וואס איז פארהאן אין דעם ענין. אזוי אויך, כביכול ווען מען רעדט וועגן דער מדה למעלה - וואס אלעס דא למטה איז דאך א דוגמא דלעילא - קען מען אויך זאגן, אז **פארוואס ביים רבונו של עולם איז כביכול די מדה פון קדושה אזוי חביב - קען מען נישט מסביר זיין! עס איז העכער פון טעם און דעת! העכער פון אלע סארט הסברים און הבנות** וואס מיר קענען פארשטיין!

**ער האט א ספעציעלע פראטעקציע אויבן**

דער בחור וועלכער שטארקט זיך אויף זיינע נסיונות איז אזוי באליבט ביים רבונו של עולם עד כדי כך אז ער האט א ספעציעלן חן ביים אויבערשטן! ווי מען זעט ביי יוסף הצדיק - וואס ער איז בייגעשטאנען אלע נסיונות - שטייט (בראשית מט, כב): "בֵּן פֹּרָת יוֹסֵף" - יוסף איז נושא חן ביים אויבערשטן. דער מושג 'חן' איז פונעם לשון 'מתנת חנם', מען האט אים ליב פאר אומזיסט! דאס ווייזט אויף אן 'אהבה שאינה תלויה בדבר', מען קען נישט מסביר זיין פארוואס מען האט אים ליב און פון וואס דער חן באשטייט. אויף ענגליש איז פארהאן אן אויסדרוק וואס מען רופט: פעיווארדיזם (פראטעקציע - משוא פנים), דאס מיינט למשל, אז דער מלמד

פרק כ"ו

וְאָמְנָם לְפִי שֶׁאִי - אֶפְשָׁר לָאָדָם שֶׁיָּשִׂים הוּא אֶת עַצְמוֹ בַּמַּצָּב הַזֶּה, כִּי כָבֵד הוּא מִמֶּנּוּ, כִּי סוֹף סוֹף חָמְרִי הוּא וּבָשָׂר - וָדָם, עַל כֵּן אָמַרְתִּי, שֶׁסּוֹף הַקְּדֻשָּׁה מַתָּנָה, כִּי מַה שֶּׁיּוּכַל הָאָדָם לַעֲשׂוֹת - הוּא הַהִשְׁתַּדְּלוּת בִּרְדִיפַת הַיְדִיעָה הָאֲמִתִּית וְהַתְמָדַת הַהַשְׂכָּלָה בִּקְדֻשַּׁת הַמַּעֲשֶׂה, אַךְ הַסּוֹף הוּא, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַדְרִיכֵהוּ בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה שֶׁהוּא חָפֵץ לָלֶכֶת בָּהּ, וְיַשְׁרֶה עָלָיו קְדֻשָּׁתוֹ וִיקַדְּשֵׁהוּ, וְאָז יִצְלַח בְּיָדוֹ זֶה הַדָּבָר

**נקודות:**

דו ביזט משועבד צו דעם עכטן אמת'ן פריינד, דער הייליגער רבונו של עולם, און צוליב אים לוינט זיך אפצוהאקן מיט אלע חברים און מיט דער גאנצער סביבה – אבי נישט אפצולאזן די פריינדשאפט און ליבשאפט מיט אים

~

דער בחור וועלכער שטארקט זיך אויף זיינע נסיונות איז אזוי באליבט ביים רבונו של עולם עד כדי כך אז ער האט א ספעצ'יעלן חן ביים אויבערשטן! דער מושג 'חן' איז פונעם לשון 'מתנת חנם', מען האט אים ליב פאר אומזיסט! עס איז אן 'אהבה שאינה תלויה בדבר', מען קען נישט מסביר זיין פארוואס מען האט אים ליב

<<< המשך בעמוד הבא

# דרכי הצדיקים

סיפורי קודש בדרכם של רבותינו הק' זי"ע

**הרה"ק מסאטמאר זי"ע – יו"ד כ"ו אב**

לחיים אחר השיעור ג' ראה תשפ"ב

• הרה"ק מסאטמאר זי"ע היה מופלג במידת אהבת ישראל, ובפרט כאשר הגיע הדבר למעשי צדקה וחסד לא ידע כל גבול, והיה מתחסד עם כל אחד מישראל בלי שום הגבלות, ואפי' עם מתנגדיו הגדולים ביותר.

פעם היה מעשה באחד מגדולי המזרחי – ממרכז 'היכל שלמה', שחלה במחלה הנוראה ר"ל והגיע לארה"ב לדרוש ברופאים. אבל בהיותו זר בארץ ניכר וכמעט ולא הכיר בה אדם, לא ידע היכן ללכת ואיך להסתדר ולא היה לו בכלל מה שנדרש להוצאות הרפואה, וכך הסתובב כמה ימים נבוך ואובד עצות. אחר כמה ימים פגש בו אדם אחד וראה בצערו, אמר לו אותו האדם כי הרה"ק מסאטמאר ודאי יוכל לעזור לו. קיבל האיש את העצה ונכנס אל הרה"ק מסאטמאר ותינה בפניו את צרתו. מיד ציוה על אנשי ביתו לסדר בשבילו את כל מה שצריך, והוא בעצמו לקח על שכמו את עול הכספים, והשיג עבורו ככל הנדרש להוצאות הרפואה, וכל ההוצאות ביתו למשך תקופה ההוא. וגם סידרה לו פגישה עם רופא המומחה ביותר וכדומה. כעבור תקופה של כמה חדשים הבריא האיש ממחלתו, ופנה לחזור לביתו בארה"ק. בעודו בדרכו עלה לבית הרה"ק מסאטמאר, להודות לו על כל הסיוע והעזרה שקיבל ממנו במדה גדושה. בהיותו בבית הרה"ק מסאטמאר הרגיש האיש צורך לגלות להרה"ק מי הוא שלא להיות גונב דעתו, והבהיר לו כי אולי אין הרבי יודע אבל הוא מאנשי 'היכל שלמה', וכאומר כי שמא לא היה רוצה לעזור לו כל כך אם היה יודע מזה. וכשמוע הרה"ק את דבריו, נסער עד מאד וקם בהתלהבות ממקומו, והתחיל ללכת הלוך ושוב על פני החדר כדרכו בקודש בשעה שהיה אצלו דבר מסעיר. ואמר: 'ביי דעם האלט מען, ביי דעם האלט מען? מיר זאל מען חושד זיין, אז ס'קומט צו טון א חסד מיט א איד, זאל מיר זיין א נפקא מינה...' (עד כדי כך הגענו? שיחשדו בי כאשר הדבר נוגע לעשיית חסד עם יהודי, שיהיה אצלי נפקא מינה...).

• הרבנית מסאטמאר ע"ה היתה עוסקת הרבה במצות ביקור חולים, והיתה שולחת חבילות עזרה וסיוע לחולים השוהים בבתי הרפואה. פעם אחת בערב פסח הכינה הרבה חבילות של מצות ושאר צרכי החג לחולים השוהים בליל הסדר בבתי הרפואה, וחיפשה אחר שליחים להביא את החבילות אליהם, אבל לא מצאה אף אחד שיוכל לעשות זאת. פנתה הרבנית אל הבחורים שהיו בבית הרה"ק מסאטמאר וביקשה מהם לעשות לה טובה זו, אבל כולם הגיבו שאין הם יכולים לעזור לה לפי שהם רוצים להשתתף עם הרבי באפיית מצות מצוה של ערב פסח. מיד נכנסה במרוצה אל בעלה הק' וטענתה בפיה שאין מי שיעזור לה, וכל הבחורים רוצים רק להשתתף עמו באפיית המצות. מיד הגיב הרה"ק מסאטמאר ברוגזה ואמר: 'אזוי איז מען מחנך אין אונזערע ישיבה?! אז מ'דארף א טובה טון, דארף מען גיין באקן מצות מיט'ן רבי'ן?! איך פארמאך שוין די ישיבה! אזא ישיבה דארף מען נישט האבן! איך דארף נישט אזא ישיבה'! (כך מחנכים בישיבתינו?! כאשר צריכים לעשות טובה, צריכים ללכת לאפות מצות עם הרבי?! אני כבר סוגר את הישיבה! ישיבה כזאת אין אנו צריכים כלל!). ולא נחה דעתו עד שגזר אומר: 'ס'זאל זיך נישט דערוואגן א בחור צו זיין ביי די ערב פסח מצות'! (שלא יהין שום בחור להיות בעת אפיית המצות מצוה!), ושלח את כולם לחלק את החבילות בבתי הרפואה.

• אחד מן הענינים הנשגבים אצל הרה"ק מסאטמאר היה העסק עם הכספים שהגיעו לידו, והיה מכניסם למקום מיוחד, ובו היו לו כמה וכמה צרורות אשר היה נותן בהם את הכספים, והיה עושה עם השטרות שקיבל סימנים שונים לזיכרון, וכך היה אוסף את הכספים במשך השבוע. ואם אירע שמאן דהו נגע בכספים היה הרה"ק גוער בו בתקיפות, כי היו לו בהם ענינים רבים ונסתרים. ביום שישי ערב שב"ק היה סוגר את עצמו עם הכסף לכמה שעות, ואז היה 'מסדר' את הכספים בסדרים הנעלים מהשגתינו, ואח"כ היה יוצא ומחלק את הכספים, מה הולך לצדקה, ומה עבור המוסדות, ומה מיועד להוצאות הבית וכיוצא בזה.

והנה הרה"ק מסאטמאר היה תומך הרבה רבנים ואדמו"רים וכלי קודש, אחד מן הנתמכים על ידו היה ת"ח צנוע בנש"ק וירא שמים מרבים. פעם אחת הגיעה הרבנית של אותו ת"ח בטענות אל הרה"ק מסאטמאר, כי סכום התמיכה שניתן לבעלה הוא מעט מדי, והוסיפה בטענתה כי יודעת היא בבירור על אחרים שקיבלו ממנו סכום גדול יותר. הגיב הרה"ק מסאטמאר ואמר לה: 'פון יענע געלט?! יענע געלט האב איך אסאך! פאר אייער מאן געב איך אנדערע געלט' (מאותם הכספים?! מהם יש לי הרבה! אבל לבעלך אני נותן מכספים אחרים), כי כאמור היו לו ענינים נעלמים בסידור הכספים.

<<< המשך מעמ' הקודם

שטעלט אייביג איין יונגל פאר אלע אנדערע קינדער. געווענליך איז פעיווארדיזם א ווארט וואס מען נוצט צו באשולדיגן דעם מלמד אז ער פירט זיך נישט אויף מיט יושר, ער בא'עולה'ט אלע אנדערע קינדער מיט דעם וואס ער האט זיך זיין מיוחס'ל. אבער אין דער קדושה איז פארהאן אזא מדה ביושר; ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר ו, כו): "יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ". און כאטש מיר פארשטייען נישט וויאזוי דאס ארבעט, ווייסן מיר אז דער רבונו של עולם איז אן 'קל אמת' און זיינע מדות זענען אמת, און מען דארף נישט קענען מסביר זיין דעם רבונו של עולם'ס מדות וויאזוי עס שטימט מיטן אמת, ווייל עס איז העכער פון אונזער הסבר און שכל. מען קען נישט מסביר זיין פארוואס א שומר הברית איז אזוי נושא חן ביים רבונו של עולם, אבער אזוי איז עס און דאס איז דער אמת.

### וישראל אהב את יוסף - קדושה איז באליבט מער ווי אלע הייליגע מדות

דאס האט זיך אפגעשפילט ביי יעקב אבינו וואס ער האט געהאט א ספעציעלן חביבות צו יוסף - מער ווי אלע זיינע קינדער; ווי דער פסוק זאגט (בראשית לז, ג): "וְיִשְׂרָאֵל אָהַב אֶת יוֹסֵף מִכָּל בָּנָיו". ווייל כאטש אלע זענען געווען גרויסע קדושים - איז אבער יוסף געווען מיוחד אין דעם ענין מער ווי אלע. און יעקב האט זיך אויסגעארבעט, אז אלע זיינע מדות זענען געווען געטליכע מדות, ער האט זיך אויפגעפירט מיט זיינע מדות אויפן זעלבן אופן ווי דער רבונו של עולם איז זיך נוהג מיט די מדות העליונות. דעריבער, פונקט ווי דער רבונו של עולם האט ליב א 'שומר הברית', האט יעקב אויך ליב געהאט יוסף'ן - וועלכער איז געווען א שומר הברית - מער ווי אלע זיינע ברידער.

### די טענה פון די שבטים: פארוואס איז א שומר הברית חשוב'ער?!

ווען די ברידער האבן געזען אז יעקב אבינו איז נושא פנים פאר יוסף מער ווי אלע ברידער - האבן זיי נישט פארשטאנען: פארוואס איז יוסף מער פון אונז?! ריכטיג טאקע אז יוסף מדה איז שמירת הברית, אבער פארוואס קומט אים צוליב דעם צו זיין מער ווי יעדן איינעם?! יעדער האט זיך דאך זיין ספעציעלע מדה מיט וואס ער איז מער פון יעדן איינעם?! יששכר איז גרויס אין תורה און יהודה איז גרויס אין תפלה! פארוואס איז יוסף מער ווי יעדן איינעם?!

### די טענה אויף די שבטים: פארוואס זענט עטץ נישט גענוג מחשיב דעם אויבערשטנ'ס ליבלינג?!

פאר די שבטי קה האט דאס געהייסן א שטיקל פגם, ווייל זיי וואלטן געדארפט פארשטיין אז **א שומר הברית איז עפעס אנדערש אינגאנצן! א שומר הברית האט א חן! פאר א שומר הברית עפענען זיך אויף אלע טויערן אין הימל!** וויבאלד די שבטים האבן נישט ריכטיג מעריך געווען דעם ענין פון יוסף מדה אז דאס איז מער פון אלע מידות, און ווי וויכטיג און ווי חשוב דאס איז - האט דאס געהייסן ווי א געוויסער פגם הברית פון זייער זייט, און דאס האט גורם געווען דעם גאנצן 'גלות מצרים'. יוסף האט געמוזט אראפגיין צום 'ערות הארץ' און ארבעטן זייער שווער מיט זיין מדה, עומד זיין בנסיונות און עפענען דעם שער פון קדושה פאר אלע שבטי קה, און דערנאך האט מען געדארפט האבן דעם 'דם מילה' ארויסצוגיין פון מצרים; ווי דער פסוק זאגט (זכריה ט, יא): "גַּם אַתְּ בְּדַם בְּרִיתֵךְ שִׁלַּחְתִּי אֲסִירַיִךְ מִבּוֹר". דאס איז אלעס געקומען צוליב דעם וואס די שבטים האבן פארקויפט יוסף, דאס הייסט, זיי האבן נישט גענוג מעריך געווען דעם חשיבות פון א שומר הברית, ווי ווייט ער איז באליבט ביים רבונו של עולם מער ווי אלע מדות און מדרגות.

ישר 718.484.2189

**מערכת השיעורים**
בארה"ב: 718.536.2347
בארה"ק: 072-3323310

**כל הזכויות שמורות**
למכון תולדות יהודה סטיטשין
**אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת**

**לקבל הגליון מדי שבוע במייל,**
**לסדר מוקד הפצה, ולתרומות:**
gilyondoeihu@gmail.com - Tel. 718.438.0032 #3